# אַ פֿויגל האָט היינט מלכּה׳לע

אַ פֿויגל האָט היינט, מלכּה׳לע,
געזונגען אויף מיין דאַך:
„דאָרט ווו ס׳ענדיקט זיך די שטאָט,
הויבט זיך אָן דער שליאַך.

טאָ נעם דעם שטעקן, וועלוול קרוין,
אין דער האַנט און שפּאַן,
אויב דו האָסט נישט קיין בילעט
צו פֿאָרן מיט דער באַן.

נעכטיקן קענסטו אין פֿעלד
און עסן, שמעסן... עט!
פֿון ווען אָן טראַכט עס וועגן פּרעס
אַ יידישער פּאָעט?

זע, מלכּה׳לע די שיינע וואַרט
שוין יאָרנלאַנג אויף דיר,
אַ סימן האָסטו: יעדע נאַכט
פֿאַרשליסט זי נישט די טיר״.

האָב איך צו אים געזאָגט אַזוי:
„הער פֿויגל פֿלאַטער־פֿלי,
דו ביזט ווייזט אויס אַ נעכטיקער,
אָדער נישט פֿון הי.

און אפשר גאָר אַ שוטה׳לע,
וואָס ווייסט נישט מן־הסתּם,
אַז צווישן מיר און מלכּה׳לען
רוישט דער שוואַרצער ים.

און ס׳זאָגט דער שוואַרצער ים אַזוי:
„העי מענטשל, צוציק, שווייג!
שפּאַנען קענסטו אויפן שליאַך,
נאָר איבער מיר אַ פייג...״

און ס׳איז דער פויגל פלאַטער־פלי
אַוועק פון מיר פאַרשעמט,
און ס׳האָט דאָס האַרץ מיר, מלכּה׳לע,
אַ גאַנצן טאָג געקלעמט.